אַן איגרתּל פון ווילנע

# צי וועט עס די וועלט ווייטער פאַרשווייגן?

## די נייע, "קליגערע" און געפערלעכע פאָרם פון חורבן-לייקענונג ווערט ערנסט באַטראַכט דורכן — אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט!



די מאַרשירער זיינען געגאַנגען מיט דער "ליטווינער סוואַסטיקאַ" אויסגענייט אויף אַ פאַן און אויך אויף זייערע רעקלעך. (פאָטאָ: ווידמאַנטאַס באַלקונאַס)

• די באַלטישע לענדער, וואו דער פּראָצענט דערמאָרדעטע איז געווען דער העכסטער אין אייראָפּע, שפּילן דאָ די הויפּט-ראָלע מיט זייערע פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציעס וועגן „אַבסאָלוטער גלייכקייט פון נאַציזם און קאָמוניזם"; די אמתע כוונות אינעם פּאַקטיש-לאָקאַלן קאָנטעקסט

• ביי זיך „אינדערהיים", איז די פּאָליטיק ענג פאַרבונדן מיט אַ קאַמפּיין צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם און באַשולדיקן די קרבנות פון נאַציזם, בפרט אידישע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס

• פון הירשע=דוד כ"ץ

דער שענדלעכער פענאָמען פון חורבן=לייקענונג (בלע"ז: „האָלאָקאָוסט דינאַיעל") איז גוט באַקאַנט. ס'איז אַן אונטער=קאַפּיטל אינעם היינטצייטיקן אַנטיסעמיטיזם. בדרך=כלל זיינען די חורבן=לייקענער אָפענע (צי האַלב=אָפענע) אַנטיסעמיטן, ראַסיסטן, אַזעלכע וואָס ווילן ניט באַגרייפן, צו וואָס עס קען דערפירן שנאת=חינם (אַזוי ווי ביי זיי טאַקע גופא) אַקעגן אַ פאָלק; אַזעלכע וואָס פאַרגינען ניט, ניט די קרבנות און ניט דער שארית=הפליטה, ניט דעם אָנגעטראָפענעם פאָלק, דעם אָנדענק פון פשוטסטן היסטאָרישן אמת; אַזעלכע וואָס בויען באַוואוסטזיניקערהייט נאָך מער שנאה מיטן פאַרשפּרייטן צווישן נייערע, אינגערע דורות דעם בלבול, אַז חורבן אייראָפּע איז גלאַט אַ הוילע אויסקלערעניש, וואָס די אידן האָבן זיך צוגעקלערט בכדי אויסשאַנטאַזשירן ביי אייראָפּעאישע פעלקער פאַרשיידענע נייע סומעס און אייגנטום אַלס אַנטשעדיקונג.

אַ טרייסט נאָר, וואָס אָפּלייקענען דעם חורבן האָט זיך ניט אָנגענומען ביים רוב בנין פון די ציוויליזירטע לענדער פון מערב, ס'איז געבליבן אַ שטח פאַרן ווייטן עקסטרעמיסטישן „עק" פונעם סאָציאַלן און פּאָליטישן תחום. פאַרקערט, אין די ציוויליזירטע לענדער פון מערב ווערט וואָסאַמאָל מער אָנערקענט אַ באַזונדער געביט פון שטודירן דעם חורבן אויף פאַרשיידענע ניוואָען, פון מאַטעריאַל צו די קלאַסן אין עלעמענטאַר=שולן און ביז צו פאָרשונגס=פּראָגראַמען אין די אוניווערסיטעטן. דאָס נעמט זיך פון אַ ברייטן דעת=האומות, אַז די איבערגעבונג פונעם אָנגעווייטיקסטן היסטאָרישן אמת שפּילט אַ היפּשע ראָלע ביים פאַרזיכערן אַז אַזוינס טאָר זיך ניט איבערחזרן אויף להבא, און ביים האָדעווען פאַראַנטוואָרטלעכע בירגער וואָס פאַרשטייען אַז מען דאַרף אויך באַהאַוונט זיין אין די ניט=באַקוועמע תקופות און געשעענישן וואָס האָבן זיך אין משך פון די דורות פאַרלאָפן.

איז עס איצטער אַ נאָך גרעסערע סכנה, וואָס „מען" האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם, ראַפינירט=כיטרען זשאַנער פון חורבן=לייקענונג וואָס נעמט זיך גיך אָן, פשוט פאַרדרפאַר וואָס מ'כאַפּט זיך ניט, אין וואָס דאָ גייט...

אין משך פון די לעצטע חדשים, שיער ניט „שטילערהייט", מיט אַ טאָן פון טאָגטעגלעכער מלוכהשער שטאַטס=אַרבעט, האָט זיך אין אייראָפּע פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ נייע באַוועגונג פון „על עגאַנט=דיפּלאָמאַטישער" חורבן=לייקענונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בפירוש, אַ סך אַ גרעסערע געפאַר, טאַקע דערפאַר וואָס ס'איז אַזוי כיטרע פאַרמאַסקירט, און ווי ס'איז ניט זעלטן דער פאַל, מיט דער הילף פון עטלעכע פון אונדזערע אידעלעך אַפילו אין מזרח אייראָפּע, וואָס זוכן צו בויען קאַריערעס אויפן סמך פון זייער לאָיאַלקייט און קלאָמפערשטיקן פּאַטריאָטיזם צו זייערע לענדער.

די לענדער וואָס פירן אָן מיט דעם קאַמפּיין פאַרדערפאַר, זיינען דאָס אין דער ערשטער ריי די באַלטישע לענדער: ליטע, לאַטוויע (לעטלאַנד), און עסטאָניע (עסטלאַנד), מיט דער מיטהילף פון עקסטרעם=רעכטע פּאַרלאַמענטאַריער אין אַנדערע מזרח=אייראָפּעאישע לענדער. די אַלע לענדער, וואָס זיינען אַמאָל געווען אונטערן יאָך פון סאָוועטישן קאָמוניזם, זיינען אין גאַנג פון די לעצטע יאָרן אָנגענומען געוואָרן אַלס פולע מיטגלידער פון „נאַטאָ" און פונעם „אייראָפּעאישן פאַראיין" („יוראָפּיען יוניאָן"), און האָבן פון די אַלטגעזעסענע לענדער פון מערב=אייראָפּע שוין באַקומען ריזיקע סומעס אינוועסטירונג און סובסידיעס זיי צו העלפן זיך אַנטוויקלען וואָס גיכער און וואָס שנעלער ווי מיטגלידער פון דער פאַרגרעסערטער דעמאָקראַטישער אייראָפּע.

טאָ ווי אַזוי גייט דאָ אַריין דער אידישער חורבן (האָלאָקאָוסט)? צו וואָס האָבן זיך גענומען איצטערטאָ צום חורבן די נייע „אָרעמע שוועסטערקינדער", ווען מען שאַרט צו אַזויפל געלטער זיי זאָלן לאַנג קיין אָרעמע קרובים ניט פאַרבלייבן. וואָס טרייבט זיי צום עצם ווילן אויסצונוצן זייערע פּאָזיציעס אין אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט אויף צו פאַרדרייען און פאַרפלאָנטערן די געשיכטע פון דער צווייטער וועלט מלחמה?

אויף משיג זיין די מאָטיווירונג דאַרף מען אַפילו ניט זיין קיין גמרא=קאָפּ. די באַלטישע לענדער ווילן זיך אַליין ריינוואַשן פון די טרויעריק=באַרימטע פאַקטן פונעם חורבן. ביי זיי איז דער פּראָצענט אומגעקומענע אידן געווען דער העכסטער אין גאַנץ אייראָפּע (יאָ, טאַקע העכער איידער אין דייטשלאַנד אָדער עסטרייך אַפילו). אין ליטע זיינען אומגעקומען 212,000 אידן (96.4%) פון 220,000 וואָס זיינען געווען אין לאַנד בעת דער דייטשישער אינוואַזיע פון יוני 1941. אין לאַטוויע האָט מען דערמאָרדעט 67,000 פון אַן ערך 70,000 אידן (95.6%); אין עסטאָניע 993 פון בערך טויזנט אידן (99.3%). די דאָזיקע סטאַטיסטיק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ד"ר אפרים זוראָף, דירעקטאָר פון ירושלימער ביוראָ פון וויזענטאַל צענטער. די אונטערשיידן אין די צאָלן כלפּי אַנדערע פאָרשונגען און אָפּשאַצונגען זיינען מינימאַלע. די נאַציס ימ"ש האָבן געהאַלטן פאָרזיכטיקע רעקאָרדן פונעם מאַסן=מאָרד.

די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער ציווילער, אומבאַוואָפנטער באַפעלקערונג פון אידישע בירגער, נאָך דערצו אין אַ זייער קורצער צייט, איז דערגרייכט געוואָרן צוליבן ענטוזיאַסטישן אָנטייל פון זייער אַ סך פון די לאָקאַלע מענטשן, וועלכע האָבן גענומען אויסשעכטן זייערע שכנים נאָך איידער די דייטשישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַפילו געהאַט איינגעפעסטיקט. אין ליטע, וואו די אידישע באַפעלקערונג איז געווען די גרעסטע פון די דריי באַלטישע לענדער, האָט מען ביי הונדערט=אַכציק טויזנט אידן, דער עיקר אין די שטעטעלעך און קלענערע שטעט, געהאַט אויסגעשאָסן אינעם האַלבן יאָר צווישן סוף יוני און סוף דעצעמבער פון 1941טן יאָר.

אָנשטאָט אָבער אַרויסזאָגן דעם היסטאָרישן אמת, האָבן די אינטעליגענטן און פּאָליטישע קלאַסן אין דיאָ לענדער געפונען מ'שטיינס געזאָגט אַן „אויסוועג", אַ קאָמפּלעקס תירוצים וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנגענומענער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אין די ניין יאָר אין וועלכע איך לעב דער עיקר אין ליטע איז מיר דאָס אויסגעקומען צו הערן זייער אַ סך מאָל פון רעדנער, געלערנטע, פאָרשער, פּאָליטיקער און בכלל די וואָס געהערן די „אינטעלעקטועלע קלאַסן".

דער פּזמון גייט בערך אָט אַזוי אָ:

„מען דאַרף פאַרשטיין אַז עס זיינען פאַקטיש געווען צוויי גענאָצידן, צוויי אויסשעכטונגען פון פעלקער. די סאָוועטן, מיט דער הילף פון די אידן (זייער אַ סך פון די קאָמוניסטן זיינען געווען אידן) האָבן פאַרשיקט אומצאָליקע ליטווינער אין סיביר וואו זייער אַ סך זיינען אומגעקומען. און די נאַציס, מיט דער הילף פון טייל ליטווינער, האָבן אויסגעהרגעט אַ סך אידן אין די צייטן פון היטלערס האָלאָקאָוסט פּראָיעקט אין גאַנץ אייראָפּע, דאָס איז געווען אַ דייטשישער פּלאַן מיט לאָקאַלע מיטהעלפער אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. דער עיקר: מען דאַרף פאַרשטיין אַז די ליידענישן זיינען געווען גלייך, און אַז די טאָטאַליטאַריסטישע רעזשימען פון היטלער און סטאַלין זיינען געווען גלייך אויף גלייך; סטאַלין האָט פאַקטיש אומגעבראַכט אַרום און אַרום מער אומשולדיקן מענטשן, אויך דער אוקראַינישער הונגער אין די דרייסיקער יאָרן איז געווען אַ פאַל פון גענאָציד."

פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו אָט די „סאַניטאַריזירטע" פאָרמולירונג פון דער באַלטישער היסטאָרישער „רעוויזיע" איז אָנגעפּיקעוועט מיט שקרימדיקע וועגן און אומוועגן: מען איגנאָרירט די אַלע ליטווינער וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן. מען איגנאָרירט דעם בלויזיקן פאַקט, אַז אַ סך ווייניקער ווי איין פּראָצענט פון ליטווישע אידן פאַר דער מלחמה זיינען געווען קאָמוניסטן. מען איגנאָרירט אַז פּראָצענטנווייז האָבן די סאָוועטן (פאַרן חורבן) פאַרשיקט אין סיביר מער אידן איידער ליטווינער. מען פאַרקוקט און מען פאַרדרייט, מען קאָמבינירט ביז וואַנען דער נאַאיווער צוהערער, אַזוי האָפט מען דאָרטן, וועט גאָר פאַרגעסן אין דעם, אַז דער שבט ליטווישע אידן אין זייער היסטאָרישן לאַנד איז אַן אויסגעשאָכטן פאָלק פון וועלכן עס זיינען געבליבן אַ הייפעלע זקנים. מען פאַרקריפּלט די דעפיניציע פונעם וואָרט „גענאָציד" צו באַדייטן אַוועלכע ניט איז שלעכטס, למשל פאַרשיקונגען, אַבי עס זאָל ניט אויסקומען אַז דער חורבן איז געווען דער איינציקער גענאָציד אין ליטע. (זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן לשבח די ליטווינער סטודענטן און אַנדערע וואָס לאָזן זיך ניט איינריידן פון זייערע „לערער", און זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די קריטיק דאָ בכלל האָט צו טאָן מיט דער שטעלונג פון די מאַכט=אָרגאַנען אין לאַנד. ס'איז ניט קיין אַנאַליז אָדער חלילה אַן אורטייל איבערן ליטווינער פאָלק גופא.)



פּראָפעסאָר יצחק אַראַד (רודניצקי), וועלכער לעבט היינט אין רמת השרון. ער איז אַ באַוואוסטער היסטאָריקער און פאָרשער פון חורבן אייראָפּע, און איז איין=און=צוואַנציק יאָר געווען דירעקטאָר פון "יד ושם" אין ירושלים. אַלס יונגער בחור איז ער אַנטלאָפן פון סווינציאַנער געטאָ און האָט העלדיש געקעמפט מיט די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד קעגן די נאַציס און זייערע קאָלאַבאָראַטאָרן. נאָכדעם ווי מ'האָט זיך ביי אים די לעצטע יאָרן איינגעבעטן, ער זאָל אָנטיילנעמען אין אַ היסטאָרישער קאָמיסיע אין ווילנע, האָבן די אַנטיסעמיטישע צייטונגען אים אַליין באַשולדיקט אין "קריגס=פאַרברעכנס" און די שטאַטס=פּראָקוראָרן פאָדערן ביז היינט מען זאָל אים "אויספאָרשן". דאָס איז אַ פּרואוו צו באַשמוצן די לעבן געבליבענע אידן פון חורבן, טייל פון דער באַוועגונג צו פאַרמישן און פאַרנעפּלען די געשיכטע פון חורבן ליטע. מען האַלט אַז דאָ שטעקט אויך נקמה: אַראַד האָט גרינטלעך אויסגעפאָרשט די ראָלע פון ליטווינער קאָלאַבאָראַטאָרן אין חורבן ליטע.

איז מה=דאָך, קען מען קומען זאָגן: טאָ זאָלן זיי פּלוידערן וואָס זיי ווילן דאָרטן ביי זיך! ליטע איז אַ לאַנד פון צוויי הונדערט מאַסן=קברים, שיער ניט לעבן יעדן שטעטל איז דאָ אַ גרויסע גרוב וואו עס ליגן די אַלע אידישע איינוואוינער וואָס זיינען מיט אַזאַ פרייד אויסגעשאָסן געוואָרן, פון קלענסטן קינד ביז צו די עלטסטע זקנים. אויב דאָס ווירקט ניט אויף די היינטיקע אָנפירער און וועגווייזער, איז אָך=און=ווי צו אַזאַ לאַנד, נאָר מישן זיך אין יענעמס טאָפּ האָט ניט קיין זין, בפרט אַז זיי שטערן היינט קיינעם ניט, און דאָס ביסל געבליבענע אידן לעבן זיך אויס די יאָרן רואיקערהייט...

אָטאָ דער חשבון איז אָבער איצטער שוין „צוויי מאָל" צעשטערט געוואָרן: ניט די היסטאָרישע „רעוויזיע" בלייבט אַ לאָקאַלע, און ניט מען לאָזט די היינטיקע אידן זיך אויסלעבן די יאָרן רואיקערהייט.

איז שוין צוויי מאָל אַוועק...

פון איין זייט האָבן די באַלטישע לענדער, בשותפות מיט יחידים מיטגלידער פון אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט אין אַנדערע מזרח=אייראָפּעאישע לענדער, גענומען פאָדערן אַז דער אייראָפּעאישער פּאַרלאַמענט, ד.ה. „גאַנץ אייראָפּע" זאָל אָפיציעל אָננעמען די „רעווידירטע ווערזיע פון דער געשיכטע", ניט מער און ניט ווייניקער, אַלס נייער אייראָפּעאישער געזעץ! און פון דער אַנדערער זייט, זעט זיך ווי די מלוכה „לאָזט אַדורך" אַ כוואַליע מיט אַנטיסעמיטיזם ביי זיך אין לאַנד, בפירוש אַלס צווייטע זייט פון דער זעלביקער מטבע.

איז אין וואָס פאַראַ איינפּאַקעכץ האָט מען די נייע רשעות גענומען איינוויקלען, מען זאָל עס קענען „פאַרקויפן" די נאַאיווע, רייכע לענדער פון מערב אייראָפּע?

לא יאומן כי יסופר. בכדי „איבערצומאַכן" די געשיכטע, אַבי עס זאָל זיך ניט באַקומען, אַז ס'איז אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע פאָרגעקומען דער אידישער חורבן ווי אַן און פאַר זיך, נעמט מען און מען פּראָקלאַמירט, אַז דער אייראָפּעאישער פּאַרלאַמענט דאַרף מאַכן אַ נייעם געזעץ, אַז.... אַז סאָוועטישע און נאַצישע פאַרברעכנס זיינען אינגאַנצן גלייך אויף גלייך! היינו הך, און אַראָפּ פון מאַרק.

דער „שאינו יודע לשאול" וואָס הערט דאָס צום ערשטן מאָל קען בפירוש טראַכטן ביי זיך, „מה רעש? אויך סטאַלין ימ"ש איז געווען אַ מאַסן=מערדער, פאַרוואָס זאָל מען ניט אַדורכלאָזן אַזאַ מין געזעץ"? (כאָטש לכאורה, באַקומט זיך עס מער ווי אַ קאָפּ מאָדנע, אַז מען גייט בכלל מאַכן פון געשיכטע אַ „געזעץ")...

טוט מען אָבער אַביסל נעענטער אַ בליק אויפן קאָנטעקסט, צום אופן, ווי אַזוי די „חכמה" ווערט בפועל ממש אויסגעפירט אין ליטע גופא, וואו ס'איז שוין דאָ אַזעלכע געזעצן און וואו אַזאַ מין היסטאָרישע רעוויזיע איז אין דער לאָקאַלער קולטור שוין פון לאַנג איינגעפירט געוואָרן, איז זעט מען גענוי אין וואָס דאָ גייט.

צוערשט, אַ ביסל ביישפּילן פון די מאַכאַרייקעס אינעם אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט אין גאַנג פון איצטיקן יאָר.

דעם 22טן יאַנואַר 2008 איז אַרויס אַ פּרעסע=קאָמוניקאַט מיט דער בשורה, אַז אַ גרופּע פּאַרלאַמענטאַריער פון אונגאַרן, לאַטוויע, ליטע, עסטאָניע, פּוילן, האָבן געשאַפן די גרופּע „קאָמאָן יוראָפּ – קאָמאָן היסטאָרי" (ד.ה. „געמיינזאַמע אייראָפּע – געמיינזאַמע געשיכטע"). ביי דער גרינדונגס=קאָנפערענץ פון דער גרופּע האָט דער מיטגליד פון עסטאָניע אַרויסגעזאָגט זיין פאַרביסנקייט אַלמאַי: „אַפילו אין אייראָפּעאישן פאַראיין זיינען די באַוווסטע ווערטער 'נעוור אַגען' [אויף ווייטער קיינמאָל ניט!] ניט פאַרזיכערט פאַר די קרבנות פון קאָמוניזם אויפן זעלביקן אופן ווי מען ווענדט זיי אָן לגבי די געליטענע אונטער נאַציזם". נאָכמער, עס טוט אים באַנג וואָס דערפאַר קומט אויס, לויט זיין איינזען, „אַז מיליאָנען קרבנות פון טאָטאַליטאַריסטישן קאָמוניזם זיינען אַראָפּגעהאַקט געוואָרן ביז צו דער שטופע פון צווייט=ראַנגיקע קרבנות".

אין מערץ האָט דער ביוראָ פון ליטווישן פּרעמיער=מיניסטער דערקלערט, אַז ער איז געפאָרן אין פּראָג, אין דער טשעכישער רעפּובליק, איבערגעבן די טשעכן וועגן דער וויכטיקייט אין עטאַבלירן דעם פּרינציפּ פון „אידענטישן אַנאַליז" פאַר נאַצישע און סאָוועטישע פאַרברעכנס.

דעם 8טן אַפּריל האָט דער אייראָפּעאישער פּאַרלאַמענט, לויט דער איניציאַטיוו פון דער אייגענער גרופּע, אָפּגעהאַלטן אין בריסל דעם פאַרהער וועגן טאָטאַליטאַרישע רעזשימען, וואו עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַ ריי „עקספּערטן" וואָס פאַרנעמען זיך מיט „גענאָציד" און האָבן פאַרזיכערט די אייראָפּעער, אַז די צוויי טאָטאַליטאַרישע רעזשימען דאַרפן לעגאַל פאַררעכנט ווערן פאַר פּינקטלעך גלייך. צווישן די געזעצן וואָס מען האָט געזוכט איינצופירן, איז די אידענטישע קרימינאַליזירונג פון אָפּלייקענונג פון די צוויי רעזשימען; דאָס מאַכן גלייכע שטראָפן פאַר אַרומטראָגן זיך מיט סימבאָלן פון נאַציזם און קאָמוניזם וכדומה.

דעם 9טן יוני האָט זיך די חברה איבערגעקליבן קיין פּראָג וואו מען האָט אַרויסגעלאָזן די „דעקלאַראַציע פון פּראָג איבערן אייראָפּעאישן געוויסן און קאָמוניזם".



פאַניע יאָכעלעס בראַנצאָווסקי, די באַליבטע ביבליאָטעקאַרין פון ווילנער אידישן אינסטיטוט, באַווייזט דעם אונטערערדיקן פאָרט אין וואַלד וואו זי און נאָך הונדערט אַנטלאָפענע פון ווילנער געטאָ האָבן געלעבט און געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַנער קעגן דער היטלער=מאַכט אין ליטע בעתן חורבן. פאַניע האָט לעצטנס באַקומען הויכע אויסצייכענונגען פון די אַמעריקאַנער און אירלענדער אַמבאַסאַדעס אין ווילנע פאַר איר העלדישקייט אין קאַמף פאַר מענטשלעכער פרייהייט.




דער שוי-פענצטער (וויטרינע) פונעם "גענאָציד פאָרשונגס=צענטער": בלויז איין בוך (אויבן, צווייטער פון רעכטס) דערציילט וועגן חורבן, און דאָס אויך אויף אַ פאַלסיפיצירטן אופן וואָס איז אויסן ריינוואַשן און לייקענען אינעם מאַסיוון אָנטייל פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג און אירע "העלדן" אין דער אויסמאָרדונג פון העכער צוויי הונדערט טויזנט ליטווישע אידן. כמעט אַלע אַנדערע ביכער דערציילן וועגן סאָוועטישע פאַרברעכנס.

פאָרזעצונג אויף זייט צען